אידישע אשכנזישע געמיינדע

פון קאירא.

סטאטוטען

1918

דרוקעריי ברודער גרינבערג, - טעלעפֿאן נומר 32-71
הארעט אסעלי נומר 24 - קאירא.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY
778

אידישע אשכנזישע געמיינדע

פון קאירא.

סטאטוטען

1918

דרוקעריי ברודער גרינבערג, - טעלעפאן נומר 32-71
הארעט אסעלי נומר 24 - קאירא.

4טער ארטיקעל.

די יעניגע וועגען ביישטייערענדע מיטגלידער וועלכע צאהלען א שטייער פון מינימום 60 גרויסע פיאסטער יעהרליך.

די שטייערן ווערן בעצאלט יעדען 3 מאנאט און געפּא־דערט פיר דעם גאנצען יאהר, ביי סיי וועלכער עפּאָכע דער אויפנאם איז בעטעטיגט.

דער קאמיטע בעשטימט דאס אויפנעמען פון די מיטגליעדער, אויסער וועגדונג אן דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

5טער ארטיקעל.

די מיטגליעדער פון דער געמיינדע, ווי אויך זייערע פאמיליען, וועגען בערעכטיגט צו גענוסען פון אלע אנשטאלטען פון דער געמיינדע.

זיי דארפען זיך אונטערוואַרפען די דאזיגע סטאטוטען.

3טער טיטעל.

ל י י ט ו נ ג.

6טער ארטיקעל.

די אדמיניסטראטיווע פערמיטלער פון דער געמיינדע, וועגען: די אלגעמיינע פערזאמלונג, דער קאמיטע און די קאמיסיאָנען.

1טע אבטהיילונג.

אלגעמיינע פערזאמלונג.

7טער ארטיקעל.

די אלגעמיינע פערזאמלונג בעשטעהט פון אלע ביישטייערענדע מיטגלידער וועלכע וועגען אין ארדנונג מיט זייער שטייער.

8 טער ארטיקעל.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פינדעט שטאט איין מאל אין יאהר אין פערלויף פון מאנאט חשבן אויף דעם דאטום בעשטימט פונ'ם קאמיטע.

איין איינלאדונג וועט געשיקט ווערען דורך דעם קאמיטע צו יעדען ביישטייערענדען מיטגליעד אם וועניגסטען 15 טעג בעפאָר. דיזע פערזאמלונג וועט אויך פובליצירט ווערען אין די לאקאלע ציימונגען.

דער טאגעס־ארדנונג, די רעכנונגען פונ'ם יאהר און דער פראָיעקט פונ'ם בודזשעט וועלען ווערען ביגעלעגט צו דיזער איינלאדונג.

9טער ארטיקעל.

דער טאגעס־ארדנונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג איז בעשטימט דורך דעם קאמיטע וועלכער דארף צושטעלען אויף דעם טאגעס־ארדנונג יעדער פאָרשלאג וועלכע איז ערייכט געוואָרען פון אם וועניגסטען 50 גוט־בערעכטיגטע ביישטייערענדע מיטגלידער ביז דעם 15 פונ'ם מאנאט תשרי.

10טער ארטיקעל.

די אלגעמיינע פערזאמלונג קען גילטיג פאסען בעשטימונגען ביי סיי וועלכע צאהל אנוועזענדע מיטגלידער.

די פערזאמלונג הערט אוים דעם בעריכט פונ'ם קאמיטע פיר דעם פערגאנגענעם יאָהר און איף דער מאָראלישער און פינאנציעלער לאַגע פון דער געמיינדע.

די פערזאמלונג בעטראכט די רעכנונגען פונ'ם יאהר און דעם פראָיעקט פונ'ם בודזשעט, בעשטעטיגט זיי אויב גוטי פאדערט ענדערונגען, פאסט בעשטעטיגונגען איבער אלע פראגען וועלכע זענען אויף דעם טאגעס־ארדנונג, וועהלט דעם קאמיטע, די קאמיסיאנען לויט סטאטוטען און 2 רעכנונג־קאָנטראָלאָרען.

11טער ארטיקעל.

דער ביורא פונ'ם קאמיטע איז אויך דער ביורא פון דער פערזאמלונג.

16טער ארטיקעל.

איינטהייל נעמען אין קאמיטע קען יעדער ביישטייערענדער מיטגליעד, אין דער עלטער פֿון פֿילע 25 יאהר, וייט 5 יאהר אין קאירא אדער אין דעם ארומגעגענד, און דינט ניט אלס בעאמטער אין דער געמיינדע.

17טער ארטיקעל.

קענען ניט אנטהייל נעמען אין קאמיטע, פערזאנען פון דער זעלבער פֿאמיליע, אדער פֿערוואנדטע ביז'ן 3טען גראד. אויב ביי די וואהלען ווערען אויסערוויילט מערערע פערזאנען פֿון איין פֿאמיליע, איז אויפֿגענומען דער וועלכער בעזיצט מעהר שטימען. אין פֿאלס זיי האבען א גלייכע צאהל שטימען, ווערט דאן בעשטעטיגט דער יעניגער וועמענס נאמען וועט ארויס דורך א ציהונג.

18טער ארטיקעל

דער קאמיטע פֿערזאמעלט זיך אם ווענינסטען איין מאל אין מאנאט. ער ווערט איינבערופֿען דורך דעם פרעזידענט אדער ביי זיין אבוועזענהייט דורך דעם וויצע־פרעזידענט. ער דארף אויך אויפגערופען ווערען, אויף דעם פֿערלאנג פון אמווענינסטען 3 קאמיטע מיטגלידער. די אנוועזענהייט פון אמווענינסטען 7 קאמיטע מיטגלידער איז נויטיג אום די בעשטימונגען זאלען קענען גילטיג זיין. די זיצונגען ווערען געפֿירט דורך דעם פרעזידענט אדער אין זיין אבוועזענהייט דורך איינעם פֿון די וויצע פרעזידענטען.

די בעשליסע זענען געפֿאסט ביי מעהרהייט שטימען פֿון איינווע־זענדע מיטגלידער. אין פֿאלס די שטימען זענען אויך גלייך פֿערטהיילט איז די שטימע פון פרעזידענטס איבערוועגענד.

די פראטאקאלען פֿון די זיצונגען דארפֿען אונטערשריבען ווערען פֿון דעם פרעזידענט פֿון דער זיצונג און דעם סעקרעטער.

די אויסציגע וועלען אונטערשריבען ווערען דורך דעם פרעזידענט אדער איינע פֿון די וויצע־פרעזידענטען און דעם סעקרעטער פֿון'ם קאמיטע.

19טער ארטיקעל.

דער קאמיטע האט אלע רעכטע וואס אנבעלאנגט די לייטונג פֿון דער געמיינדעס אינטערעסען, אבער אין די גרענעצען פֿון די סטאטוטען.

ער פֿאסט אלע בעשטימונגען אום צו עררייכען דעם צוועק פֿון דער געמיינדע. ער נעמט אויף און ענטזאגט די בעאמטע, בעשטימט זייער געהאלט, שאדען־ערזאץ און געשענקע.

ער ארדענט איין די פֿערוועגדונג פֿון דעם פֿאנד, בעשטימט און ערלויבט די אויסגאבען לויט דעם בודזשעט וועלכער ער האט אויפֿגעשטעלט און וועלכער איז בעשטעטיגט געווארען דורך דער אלגעמיינעס פֿערזאמלונג.

דאך אין פֿאלס א פֿאנד איז בעשטימט געווארען דורך א געשאנק אדער גאבע אין דער געמיינדע, דארף דער קאמיטע פֿארלעגען אן דער אלגעמיינער פֿערזאמלונג אין וועלכען ארט דער פֿאנד וועט פערנוצט ווערען.

20טער ארטיקעל.

דער פרעזידענט פֿון קאמיטע שטעלט פֿאָר די געמיינדע אין געגענווארט פֿון אנדערע מיט אלע נויטיגע רעכטע. נאך א ספעציעלע בעשטימונג פֿון קאמיטע קען ער זיך פֿארשטעלען אין געריכט אין נאמען פֿון דער געמיינדע.

איינער פֿון די וויצע־פרעזידענטען פֿערטרעט דעם פרעזידענט אין פֿאלס פֿון פֿריי פלאין, אבוועזענהייט אדער ענטזאגונג.

דער גענעראל סעקרעטער שטעלט אויף די פראטאָקאלען. ער היט אפ די דאקומענטען און די ארכיווע פֿון דער געמיינדע. ער בעשעפֿטיגט זיך מיט דער קארעספאנדענץ וואָס ער שרייבט אונטער צוזאמען מיט דעם פרעזידענט, ווי אויך אלע שריפֿטען וואס אנבעלאנגט דער געמיינדע.

ער האלט א ספעציעלען בוך פֿון אלע מיטגלידער פֿון דער געמיינדע.

27טער ארטיקעל.

דער ראבינער פרעזידירט דעם בית דין און פֿיהרט די לייטונג פֿונ'ם ראבינאט. ער לעגט פֿאר אין קאמיטע קאנדידאטען פֿיר די אמטע פֿין דין, חזנים, שוחטים און מוהל.

דער ראבינער דארף זיך אינטערוואַרפֿען צו אלע בעשטימונגען פֿונ'ם קאמיטע וואס אנבעלאנגט די אדמיניסטראטיווע ארבייט.

28טער ארטיקעל.

אייב דער פלאץ פֿון ראבינער ווערט פֿריי, דארף דער קאמיטע איינרופֿען אין די 15 טעג איין אלגעמיינע פֿערזאמלונג אום צו וועהלען א נייעם ראבינער. - די אמט פֿון ראבינער ווערט ביז דעם וואהל ערפֿילט דורך דעם דין.

5טער טיטעל.

איינקינפטע קוועלען.

29טער ארטיקעל.

די איינקינפֿטע קוועלען פֿון דער געמיינדע בעשטעהן:

1) פֿון די שטייערונגען פֿון מיטגליעדער און די טאקסען וועלכע קענען בעשטימט ווערען דורך דער אלגעמיינער פֿערזאמלונג.
2) איינגאמען פֿון אלערליי גיטער וואס געהערען דער געמיינדע.
3) ירושות, גאבען, געשענקע און איינקינפֿטע פֿון אונטערנעמונגען וועלכע קענען ארגאניזירט ווערען אויפ'ן פראפֿיט פֿון דער געמיינדעס אינסטיטוציאנען.
4) עווענטועלע פֿערדינסטען פֿון מצות.

פארלויפיגער בעשלוס.

30טער ארטיקעל

אויסנאמסווייזע צום ארטיקעל 8, די אלגעמיינע פערזאמלונג וועלכע וועט אויפגערופען ווערען, נאך די בעשטעטיגונג פון דיזע סטאטוטען, וועט שטאטפינדען אין מאנאט מאי 1918

סטאטוטען בעשטעטיגט ביי די אויסערגעווינליכע אלגעמיינע פערזאמלונגען פון דער אידישער אשכנזישער געמיינדע פון קאירא, געהאלטען געווארין אין דער שוהל דעם 13טען און 27טען יאנואר 1918

קאירא, דעם 1טען מארין 1918.

קאפיע לויט דעם אריגינאל.

דער פרעזידענט:	דער סעקרעטער
אפרים לייבאוויטש.	**ישאק בלאו.**